

בוהמ"ד
זכרון אהל אלימלך ד'טאהש
מאנסי נ.י.
נתייסדה ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# יתחדש

עלינו לטובה ולרווחה

שמחתי באומרים לי בית ה׳ נלך

א קווהלנדע איבערבליק איבער
די שפרודלדיגע התחדשות
והתרחבות בתוכי קהלתינו הק׳

## טאהש מאנסי מתאספים

מוצש"ק פ׳ וישב – כ"ג כסלו

# הרחיבי מקום אהלך

**תתחדש טאהש מאנסי!**

**ברוך שהחיינו והגיענו, כי עתה הרחיב ה' לנו!** אנ"ש תלמידי וחסידי רבינו הקדוש זי"ע ולהבחל"ח כ"ק מרן רבינו שליט"א תושבי מאנסי פאלגן נאך מיט נחת, שטראלן פאר פרייד, קוועלן פאר התרגשות, מיטלעבנדיג די פרעכטיגע הרחבת גבולי הקדושה באהלי קדשינו.

**רוח נכון חדש בקרבינו! א מאסיווע התחדשות, א רוח פון הרחבה, א גייסט פון פרישקייט שפירט זיך אין די לופטן, האבנדיג די זכי' בסייעתא דשמיא מיטצולעבן אן היסטארישער קאפיטל בקורות דברי הימים לקהילת טאהש-מאנסי מיט'ן הרחבה פון בית חיינו ותפארתינו און די קייט פון אלע פעולות כבירות לרומם קרן התורה ועבודת עבודה, וואס עפענט א פרישע עפאכע צום אויפבליה פון קהל עדתינו "טאהש" אינערהאלב "מאנסי".**

**פנים חדשות באו לכאן!** דורכאויס די לעצטערע חדשים האט די הנהלת הביהמ"ד אינוועסטירט אומגעהויערע כוחות, דמים תרתי משמע, לאזנדיג אין גאנג א דראמאטישע פראיעקט וואס האט אריינגעצויגן אין איבער $250,000, אהערשטעלנדיג דעם נייעם גרעסערן און באקוועמען פלאץ לתועלת המתפללים ולומדים, לבוא אל הנחלה ואל המנוחה, און אין די זעלבע צייט שפאנענדיג פאראויס מיט אלע צרכי הציבור און אקטיוויטעטן ברוחניות ובגשמיות, לשם ולתפארת ולתהלה, וואס דערהייטערט יעדן און שאפט א העכסט-געוואונטשענע הרחבה ומנוחה לכל באי בית ה'.

**ממנו יתד וממנו פינה!** דער יעצטיגער דערגרייכונג פונדאמענטירט אונזער ווייטערדיגער עתיד, ווען אדאנק דעם וואס מען איז ב"ה יעצט מסודר און אוועקגעשטעלט אויף א שטאנדהאפטיגן פארנעם, פלאסטערט עס אויס די וועג צו קענען טראכטן פאראויס מיט א ברייטערע וויזיע, איבער די גרעסערע פלענער עווענטועל לנצח על מלאכת בית ה', צום אויפבוי פונעם פיר-שטאקיגן בנין ביהמ"ד גדול וחדש לשם ולתפארת, וואס פארשפרעכט צו זיין א פראכט פאר טאהש אלוועלטליך.

**מה נורא המקום הזה!** אונזער הייליגער בית מדרש איז ב"ה פארוואנדלט געווארן אלס דער צענטער-פונקט פון אנ"ש בעיר מאנסי יצ"ו, אהערגעשטעלט און צוגערישט מיט אלע שפרודלדיגע געברויכן און סערוויסעס אויפ'ן שענסטן אופן ווי ס'פאסט לקהלה נאה וחסידה, אריינגערעכנט: געהויבענע ווארימע תפילות בשבתות ומועדים, הערליכער היכל לתורה ועבודה, מניני תפילה, מערערע שיעורי תורה לרבים, פילע פריוואטע חברותות, רייכע אוצר הספרים, גייסטרייכע מאורעות ומסיבות ווי יאצ"ט סעודות ויומי דפגרא, הערליכע צרכי צדקה וחסד ווי קופת גמ"ח, קופת קמחא דפסחא, מצות און ד' מינים פאר צוגעגנגליכע פרייזן וכדו', וועכנטליכע געשמאקע פראגראמען פאר די תשב"ר, ווצב"ש חברת תהלים, שלש סעודות, אבות ובנים, ועוד ועוד כי רבים הם, ווערנדיג אזוי געניט אנגעפירט דורכ'ן חשוב'ן מורה דרך ומשפיע הרה"צ רבי חיים שליט"א, בן כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואס איז מאציל מהודו און איז איבערגעגעבן בכל נימי לב ונפש פאר'ן הצלחת הכלל והפרט צו יעדן'ס צופרידנהייט ב"ה.

**כי היא בית חיינו!** יעדער טאהשער חסיד און תלמיד וואס איז אדוק ומקושר מיט'ן הייליגן רבי'ן זצוק"ל און יבלחט"א ממשיך דרכו בקודש כ"ק מרן רבינו שליט"א שפירט ווי דא איז זיין פלאץ, דא איז זיין מקור החיות, דא איז זיין צווייטע-היים, אשר מבאר ההוא ישקו, פון דא שעפן מיר חיות און מזון לנפשינו, דא אטעמען מיר אריין אונזער הייליגע אטמאספערע מיט וואס מיר זענען אויפגעוואקסן געווארן, דא זענען מיר ממשיך ווייטער אונזער גייסט און טאהשער פלאם, דא האדעווען מיר אויף אונזערע דורות בדרך אבותינו ורבותינו הק', עד ביאת גואלינו.

**אז אגמור בשיר מזמור! אצינד קומט דער מאמענט ווען מיר וועלן אלע פייערן דעם חנוכת הבית און אפצייכענען די פרעכטיגע התחדשות והתרחבות ועלה נעלה לרומם קרן התורה ועבודה; במוצאי יום גילה, מוצש"ק פ' וישב כ"ג כסלו הבעל"ט, נתאסף כולנו כל בני הקהלה, כולנו בני איש אחד נחנו, תלמידי וחסידי טאהש יחדיו ירננו!**

**אשרינו מה טוב חלקינו!** ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר אויך האבן די זכי' ארויסצוצייגן אונזער ברידערליכע אחריות און באשטייערן אונזער איינמאליגער השתתפות פאר'ן אויפבליה פון אונזער ווינקל, מיט'ן סכום פון מינימום $100 א חודש (סך הכל $1,200 במשך כל השנה), צו העלפן אויסצאלן די ריזיגע קאסטן פון דעם גרעסערן אונטערנעמונג בהעמדת יסוד אדיר ובסיס להרמת אהלינו, עלינו ועל דורותינו.

**כולם נקבצו באו לך!** לאמיר אינאיינעם פארברענגען און זיך הייבן אין א געשמאקע ברידערליכע אטמאספערע, כאיש אחד בלב אחד, הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד, מוצש"ק פ' וישב הבעל"ט.

## בְּמוֹצָאֵי יוֹם מְנוּחָה,
## הַמְצֵא לְעַמְּךָ רְוָחָה





די לעצטיגע זמנים פונעם אלטן ביהמ"ד וואס מ'האט גענוצט איבער צוואנציג יאר צום גוטן



ביים געזעגענען פון אלטן היכל הביהמ"ד פון אינעווייניג




ביים אויסליידיגן דעם אלטן היכל פון די ספרי קודש




די מאווינג טראק גרייט




סותר על מנת לבנות




ביים אראפווארפן דעם אלטן ביהמ״ד





ביים שניידן די ביימער צו אהערשטעלן דעם שטח פארן בית מדרש החדש





די ריזיגע טרעילאר קומט אן צום שטח בית המדרש






ביי די ארבעט צו אפלאדענען יעדע חלק באזונדער



ביים אוועקשטעלן דאס נייע בית המדרש על מכונו









ביים אינסטאלירן א שפאגל נייעם דרעינידזש סיסטעם צו פארמיידן פארפלייצונגען



ביים אהערשטעלן דעם נייעם בית המדרש



ביים איינרישן דאס בית מדרש



נייע סעיף פאר ארון קודש ביים אנקומען





ביים אינסטאלירן דעם נייעם ארון קודש



זייטיגע שטיבל/עזרת נשים צוגעגרייט



הערליך אנגעפילטע אוצר הספרים



באשיידענע קאווע שטיבל



לאבי און נטילת ידים



די בית המדרש אהערגעשטעלט על מכונו מיט ברייטע טרעפ, ביזן והראנו בבנינו בס"ד



# וראה

**די פארענדיגטער היכל**
**הביהמ״ד וואס וועט בעז״ה**
**ברענגען הרחבת הדעת פאר**
**די  מתפללים החשובים**



# וַעֲשֵׂה בְּתַבְנִיתָם

תִּכּוֹן בֵּית תְּפִלָּתִי

יעדער פון אונז קוועלט פאר נחת.

**יעדער פון אונז נעמט ארויס א חלק.**

# $100 שיעור א חודש

סך הכל:
$1,200 לשנה



מיין אחריות · פאר מיין ווינקל · פאר מיין עתיד · הצלחה

איינמאליגע
התחייבות
מיט
אייביגע
זכותים

# זכות ביסוס היסודות